שנה ג'
נומער צ"ו
פרשת נח
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א




**מוהרא"ש זי"ע ביים ציון פון**
**זיין מאמע הרבנית מלכה ע"ה**
**יארצייט ח' חשון**
**דאנערשטאג לך לך**

## א ווארט
פונעם ראש ישיבה שליט"א

### מעשיות פון תפלה

צוביסלעך הערט מען שוין פון אלעמען מעשיות פון תפילה, עס ווערט שוין א דרך כבושה לרבים צו רעדן צום אייבערשטן, מען זעט ווי עס ווערט שוין מקוים ר' נתן'ס ווערטער וואס ער האט געזאגט: "עס וועט קומען א צייט וואס התבודדות וועט ווערן א דרך כבושה לרבים, אזוי ווי היינט צו טאגס ווען עס איז א פשוט'ע זאך אז יעדער איד טוט אן תפילין".

עצתו אמונה נח תשע"ט

**זמנים** Liberty

פרשת נח תשפ"ב
ג' חשון

הדלקת הנרות ............ 06:10
מוצאי שבת .............. 07:38

מנחה מעריב פאר פרשת לך לך ............... 07:15



# שטעטל נייעס

קרית ברסלב

## הערליכער יום טוב סוכות אין שטעטל פאריבער - חלק ב׳.

### "א סעודה מיטן ראש ישיבה"

מיטן אייבערשטנ'ס הילף הייבן מיר אן א נייע סעריע וואס וועט ווערן גערופן "א סעודה מיטן ראש ישיבה שליט"א", וואו אנשי שלומינו וועלן פארציילן וואס זיי האבן מיטגעהאלטן ביי א סעודה פונעם ראש ישיבה. די וואך לייגן מיר עס אריין ביי די נייעס אפטיילונג, ווייל דאס האט שייכות מיטן פארגאנגענעם יום טוב סוכות, די קומענדיגע וואכן וועט עס מיטן אייבערשטנ'ס הילף ווערן אפגעטיילט אין אן עקסטערן ארטיקל וואס וועט לויפן יעדע וואך.

די וואך וועלן מיר אייך אראפ ברענגען גאר אן אינטערעסאנטער ארטיקל פון א באטייליגטער וואס האט מיטגעהאלטן די סעודה פונעם ראש ישיבה שליט"א פרייטאג צונאכט'ס חול המועד סוכות אין שטעטל. מיר האפן איר וועט הנאה האבן און ארויסנעמען פון דעם הדרכה פארן לעבן, און זיך לערנען וויאזוי מען פירט א סעודה מיט קינדער.

פאר קידוש האט דער ראש ישיבה שליט"א גענומען די הדסים און געפרעגט "ווער ווייסט וואס דער רבי זאגט וועגן הדסים? וואס באקומט מען ווען מען שמעקט הדסים שבת?" און די קינדער האבן שוין געוואוסט וואס צו ענטפערן, אז מען באקומט גוטע קינדער, ערליכע קינדער!

דער ראש ישיבה האט געוויזן אויף איינער פון די קינדער און געפרעגט, דו ווייסט וואס זיין בעסטע זאך איז? און דער קינד האט געשריגן, דער אייבערשטער! און דער ראש ישיבה האט ווייטער געפרעגט, בעסער פון קענדים און לאליס? דער אייבערשטער! בעסער פון חלה מיט טאמעטע דיפ? דער אייבערשטער! און דער ראש ישיבה האט געזאגט, אז לעצטע וואך איז דער קינד אראפגעפאלן און ווייסט וואס ער האט געזאגט? כי טוב השם דער אייבערשטער איז גוט!

דער ראש ישיבה שליט"א האט געפרעגט איינער פון אנשי שלומינו וואס האט געגעסן דארט די סעודה ווייל זיין סוכה איז צאמגעפאלן, אויב ער וואלט געוואוסט וואספארא טובה עס וועט ארויסקומען פון דעם וואס זיין סוכה איז צאמגעפאלן [אז ער וועט קענען עסן ביים ראש ישיבה שליט"א] צו ער וואלט געוועןן צעבראכן. און דער ראש ישיבה האט אים געפרעגט וואס האסטו געטון ווען דיין סוכה האט זיך צובראכן? האסטו געזינגען כי טוב השם? האט ער געענטפערט ער האט געטראכט אז נעקסטע יאר וועט ער קויפן א שטערקערע סוכה, האט דער ראש ישיבה אים געפרעגט אויב ער האט כאטש נישט געהאט קיין טענות אויפן אייבערשטן. און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דער אינגערמאן האט שוין מן הסתם געטראכט וואס ער דארף תשובה טון, וואס ער דארף פארררעכטן, אבער אמת'דיג איז עס נאר געווען א טובה פאר אים. און דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט מיט דעם אז אסאך מאל געשעהט א זאך וואס קוקט אויס שלעכט, אבער עכט מאכט עס דער אייבערשטער נאר פאר די טובה פונעם מענטש.

איינע פון די קינדער האבן געפרעגט אויב די סוכה איז צאמגעפאלן ווען ער איז געשלאפן, האט ער געזאגט אז נישט. האט דער ראש ישיבה דערציילט א מעשה וועגן א איד וואס איז געשלאפן אין א סוכה אויפן דאך פון זיין הויז, און צופרי' ווען ער האט זיך אויפגעוועקט האט ער זיך געטראפן אן קיין סוכה, די סוכה איז אוועקגעפלויגן...

נאכדעם האט דער ראש ישיבה פארציילט נאך א מעשה: אמאל איז געווען א איד וואס האט געבויעט זיין סוכה מיט אלע היתרים און קילות, דאס הייסט אז לכתחלה דארף א סוכה האבן פיר ווענט, אבער עס איז אויך כשר אויב ס'האט נאר דריי ווענט, און וויינ'גסטנס איז גענוג צוויי ווענט מיט א טפח. יענער איד האט געבויעט א סוכה מיט צוויי ווענט און א טפח. יום טוב ביינאכט האט ער אראפגעברענגט אלע זיינע שיינע זילבענע כלים, לייכטערס, און א זילבערנע בעכער, צופרי' ווען ער איז אויפגעשטאנען האט ער געזען אז ס'איז נישט דא, גנבים האבן עס גע'גנב'ט... איז ער געגאנגען צום רב פרעגן ווי אזוי עס קען זיין אז אזא זאך זאל פאסירן פאר אים, האט אים די רב געזאגט: קוקט אויס אז די גנבים זענען נישט געווען קיין תלמידי חכמים...

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די קינדער זיי זאלן זאגן פאר די געסט וואס עס פאסירט ווען מען זאגט ביים עסן "לכבוד שבת"; ווען א בעיבי זאגט עס ווערט באשאפן א בעיבי מלאך, ווען א אינגל זאגט עס ווערט באשאפן א אינגל מלאך, ווען א טאטע זאגט עס ווערט באשאפן א טאטע מלאך, און אזוי ווייטער.

נאכדעם האט מען געזינגען שיינע ניגונים פון יום טוב, ווי' למשל איך זיץ מיך אין מיין סוכה'לע, פון ברעטעלעך און סכך...

דער ראש ישיבה'ס איינינקל, א קינד פון איין און האלב יאר, איז ארויסגעגאנגען פון די סוכה און ארומגעלאפן אינדרויסן. די עלטערן האבן אים געוואלט נאכלויפן און צוריקברענגען, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: לאזט אים, ער וויל גיין אביסל התבודדות... דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט די ווערטער וואס דער רבי האט געזאגט: "ווען איך וואלט געהאט א זון, וואלט איך נישט מורא געהאט אים צו שיקן אליינס אין פעלד התבודדות".

**המשך קומענדיגע וואך אם ירצה השם.**

היכל הקודש

# נייעס

**וויליאמסבורג**

## סוכות ביים ראש ישיבה שליט"א

### "א סעודה מיטן ראש ישיבה"

**א אינגערמאן פארציילט:** איך האב געהאט די זכיה צו עסן די סעודה די צווייטע נאכט סוכות ביים ראש ישיבה שליט"א, איך וויל אראפשרייבן וואס איך האב זוכה געווען צו הערן און צו זען ביים שיינע סעודה.

ווען דער ראש ישיבה איז אהיימגעקומען פון שול האט אביסל גערעגנט אויפן גאס, דער ראש ישיבה האט שנעל געמאכט קידוש, און זיך געוואשן.

דערנאך האט דער ראש ישיבה דערציילט אז ער האט "א מעשה פון תפילה", נאכן דאווענען זענען די קינדער געקומען זאגן אז ס'רעגנט אין גאס, און דער ראש ישיבה האט געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל אויפהערן רעגענען כדי מען זאל קענען אהיימגיין פון שול, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז ס'האט אויפגעהערט רעגענען.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די לובאוויטשע חסידים, זיי האבן נישט מורא פון רעגן, זיי לייגן אפילו נישט קיין שלאק. האט איינער געפרעגט, וואס טוען זיי אויב ס'רעגנט? האט דער ראש ישיבה געזאגט "גארנישט, זיי רירן זיך נישט ארויס פון די סוכה, דער לובאוויטשע רבי נ"ע פלעגט קענען זיצן שעות אין די רעגן אין די סוכה, עס האט געטראפט פון אים וואסער פון איבערן, אבער ער איז געבליבן זיצן אין די סוכה". האט איינער געפרעגט, וואס איז מיט שלאפן, זיי בלייבן שלאפן אין די סוכה אפילו ס'רעגנט? האט דער ראש ישיבה געזאגט אז זיי שלאפן נישט סוכות, די מערסטע איז דרימלען אויפן בענקל. אזוי ווי די גמרא זאגט ביי שמחת בית השואבה - לא ראינו שינה בעינינו, מען איז נישט געשלאפן א גאנצע נאכט - נאר געדרימלט.

אויך האט דער ראש ישיבה פארציילט אז היינט צופרי ווען ער האט געענדיגט שאקלען לולב, איז זיין אתרוג אראפגעפאלן און געווארן פסול, אבער עס איז געווארן פסול נאר פאר די ערשטע טאג.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט: "ווער ווייסט פארוואס סוכות ווערט אנגערופן 'זמן שמחתנו'? 'פסח' ווערט אנגערופן 'זמן חירתנו', ווייל דעמאלטס איז מען ארויס פון מצרים. 'שבועות' איז 'זמן מתן תורתנו', ווייל דעמאלטס האט מען געגעבן די תורה. אבער פארוואס הייסט 'סוכות' 'זמן שמחתנו'? ווייל סוכות איז גלייך נאך יום כיפור, און יעדער איד איז אפגעוואשן פון עבירות, וועגן דעם איז מען אזוי פריילך, ס'איז די שענסטע צייט פונעם יאר, צווישן יום כיפור און סוכות דעמאלטס איז יעדער ריין".

דער ראש ישיבה האט געפרעגט די קינדער, ווער דארף סעלצער? און די קינדער האבן געשריגן, איך! איך! אבער דער ראש ישיבה האט געזאגט, 'איך' איז דער אייבערשטער. האט דער ראש ישיבה'ס קליינער זון יוסף געזאגט, 'יוסף דארף סעלצער', און דער ראש ישיבה האט אים געגעבן.

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו א קליינע אינגל, פארציייל פאר דיין טאטע וואס איך האב דיר געזאגט אויפן וועג אהיים פון שול, פארוואס האט דער ראש ישיבה אסאך כח? און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אויפן וועג האט יענער אינגל געזאגט ער האט נישט קיין כח צו גיין אזוי ווייט, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: דו ווייסט פארוואס איך האב אזוי סאך כח? ווייל איך האב ליב דעם אייבערשטן!

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן נאכן עסן די זופ, מאמי די זופ איז זייער פיין געווען, און איינער פון די קינדער האבן זיך אנגערופן דער אייבערשטער איז פיין! [ווייל דער ראש ישיבה לייגט עס אריין אין די קינדער אז דער אייבערשטער איז די בעסטע זאך]. און דער ראש ישיבה האט געזאגט, יא, דו ווייסט זייער גוט! ביזט א צדיק!

און דער ראש ישיבה האט געפרעגט: וואס איז בעסער, אלע קענדיס און לאליס, אדער דער אייבערשטער? און אלע האבן געשריגן "דער אייבערשטער!" וואס איז די בעסטע זאך אויפן וועלט? "דער אייבערשטער!"

דער ראש ישיבה האט געהייסן פאר איינער פון די קינדער עפעס ארויסטראגן פון די סוכה, אבער ער האט נישט געפאלגט, און דער ראש ישיבה האט אים שטילערהייט שטרענג געזאגט, "ווען א טאטע הייסט עפעס, נישט קיין חילוק וואס, דארף מען פאלגן גלייך".

דארט ביי די סעודה האט אויך געגעסן א אינגערמאן פון אנשי שלומינו וואס האט געהאט א גאנצע פרשה וואס די רעגירונג האט זיך אריינגעמישט ביי אים וכו', און דער ראש ישיבה האט אים געפרעגט: האסט שוין היינט געזינגען כי טוב ה'? האט ער געזאגט אז נאכנישט, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט, זינג יעצט! און דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן צו זינגען צוזאמען מיט אים, 'כי טוב ה' ווייל דער אייבערשטער איז גוט...' און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אויפן וועג צו שול איז איינער פון די קינדער אראפגעפאלן און ער האט זיך גוט צוזעצט און 'ווייסט וואס ער האט געזאגט?' ער האט געזאגט, כי טוב ה' - דער אייבערשטער איז גוט.

און די ראש ישיבה האט אנגעמערקט אז ס'קען זיין אז די ניגון איז נישט אזא שיינע ניגון, אבער די ווערטער דאס דארף מען זינגען יעדן טאג.

**המשך קומענדיגע וואך אם ירצה השם.**

# „מעשיות פון תפילה"



## מרדכי אהרן הײלפּרין:

א) שבת חול המועד האבן מיר געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה שליט״א איז געווען אין שטעטל. איך האב זייער שטארק געוואלט דער ראש ישיבה זאל קומען באזוכן ביי מיר אינדערהיים, כאטש איך האב געטראכט וואס עפעס זאל דער ראש ישיבה קומען צו מיין הויז, דאך האב איך אפגעמאכט, וואס קאסט צו בעטן דעם אייבערשטן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ווען איך האב זיך דערמאנט.

שבת נאכמיטאג בין איך געזיצן אויפ'ן קאוטש און געלערנט, ווען פלוצלינג זע איך פון פענסטער דער ראש ישיבה שפאצירט אראפ די גאס וואו איך וואוין. איך זע ווי דער ראש ישיבה קומט אין ריכטונג פון מיין הויז, און קלאפט אן אויף מיין טיר, איך בין געווארן זייער פרייליך אז מיינע תפילות זענען געענטפערט געווארן. איך בין שנעל געלאפן עפענען די טיר און דער ראש ישיבה איז אריין געקומען און רופט זיך אן "נו, יעצט האסטו שוין א מעשה פון תפילה".

ב) שכח אייבערשטער אז איך בין געווען אין וויליאמסבורג ביים ראש ישיבה שליט״א דעם שמחת תורה. שמחת תורה אינדערפרי ביי די הקפות, אינמיטן טאנצן גאר לעבעדיג זיך פרייענדיג מיט די תורה, רופט זיך דער ראש ישיבה אן צו מיר "דו שוויצט נישט! שמחת תורה דארף מען שוויצן" האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען פאלגן דעם ראש ישיבה, ברוך השם אז איך האב געטאנצן זייער שטארק און לעבעדיג און איך האב גוט גוט געשוויצט דעם יום טוב.

## יעקב משה אינדארסקי:

א) איך בין אריינגעפארן פון שטעטל קיין וויליאמסבורג הושענה רבה צו זיין ביים ראש ישיבה שליט״א, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל זיין צייטליך צום דאווענען און גרינג טרעפן פארקינג, שכח הייליגער באשעפער אז איך בין אנגעקומען פונקט אין צייט און גאר גרינג געטראפן א גוטע פארקינג. שכח אייבערשטער!

ב) מיין קאר האט זיך צובראכן, איך האב עס געגעבן צו פאררעכטן. אסאך מאל קען עס נעמען זייער לאנג, אבער אין שטעטל איז נישט גרינג ווען מען האט נישט קיין קאר, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל נישט נעמען לאנג צו פאררעכטן, אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל נישט דארפן באצאלן פון מיין טאש, נאר די אינשורענס זאל עס באצאלן, שכח אייבערשטער אז איך האב גאר שנעל צוריקבאקומען מיין קאר און די אינשורענס האט באצאלט די קאסטן פון פאררעכטן.

## אברהם יצחק אייזנער:

איך בין געפארן צו מיינע עלטערן אויף די ערשטע טעג סוכות, א וועג פון בערך זעקס שעה. איך האב אסאך תפילה אריינגעלייגט שוין אפאר וואכן פארדעם אז די וועג זאל זיין געשמאק, און אונז זאלן אנקומען און צוריקקומען געזונטערהייט. אינמיטן וועג זע איך אויף די סקרין א רויטע לעמפל א סימן אז די לופט פון די רעדער גייט ארויס, איך בין ארויס פון קאר זען וואס די זאך איז, אפשר איז א נאגל אריין אינעם רעדל און איך וועל עס דארפן טוישן, איך האב געזוכט וואס ס'קען זיין אבער אלעס האט אויסגעקוקט גוט, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער, דו קענסט אלעס מאכן אפילו אז דער רעדל זאל זיך צוריק אנפילן און איך זאל קענען געהעריג ווייטער פארן, העלף מיר זאלן אנקומען בשלום". איך האב געווארט אפאר מינוט צו זען אויב די לופט ווערט טאקע ווייניגער, אבער ברוך השם דער נומער וואס זאגט וויפיל לופט ס'איז נאך דא איז געבליבן די זעלבע, טאקע ווייניגער ווי נארמאל אבער גענוג אז די קאר קען נאך פארן. נאך א שטיק צייט פארן קוק איך נאכאמאל דער נומער, און וואונדער איבער וואונדער! דער נומער האלט העכער פון פריער עס האלט שוין ווי ס'דארף עכט זיין! שכח הייליגער באשעפער פאר די אפענע נס!

# א ברייוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א

### אַחְדוּת אִין לִיבְּשַׁאפְט בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

מִיר דַארְפְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען דֶעם מַאֲמַר הַזּוֹהַר וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן; עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (נָשֹׂא קכח.) רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "**אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא**", אוּנְזֶער זַאךְ אִיז אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן אוֹיף דֶעם אַ שֵׁיינֶעם רֶמֶז: אֲ'נַ'ן' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: "**אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ - בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא**", אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

מִיר דַארְפְן מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַן, סִימָן רצב): "**הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ**", דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס וֶועט הֶערְשְׁן צְוִוישְׁן אַייךְ; דָאס אִיז וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אוּנְז, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אוּן נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן אַ צְוֵוייטְן.

מֶען וֶוערְט נִישְׁט גְרֶעסֶער וֶוען מֶען שְׁפֶּעט פוּן אַ צְוֵוייטְן אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט מֶער וֶוען מֶען מַאכְט יֶענֶעם אַוֶועק; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יד:): "**כָּל מָקוֹם שֶׁאַתָּה מוֹצֵא שְׁנֵי מִקְרָאוֹת, אֶחָד מְקַיֵּים עַצְמוֹ וּמְקַיֵּים דִּבְרֵי חֲבֵירוֹ וְאֶחָד מְקַיֵּים עַצְמוֹ וּמְבַטֵּל דִּבְרֵי חֲבֵירוֹ, מַנִּיחִין אֶת שֶׁמְּקַיֵּים עַצְמוֹ וּמְבַטֵּל חֲבֵירוֹ, וְתוֹפְסִין אֶת שֶׁמְּקַיֵּים עַצְמוֹ וּמְקַיֵּים חֲבֵירוֹ**"; אַז אֵיינֶער דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן עֶר אִיז אוֹיךְ מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע, אַזַא אֵיינֶער הָאט הַצְלָחָה, ווִידֶערְאוּם אַז אֵיינֶער זוּכְט נָאר ווִי עֶר קֶען יֶענֶעם אַוֶועק מַאכְן אוּן מְבַטֵּל זַיין – דֶער וֶוערְט בָּטֵל.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִין אוּנְזֶערֶע ד' אַמּוֹת - בַּיי תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - זָאל מֶען זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; מֶען וֶוערְט נִישְׁט גְרוֹיס וֶוען מֶען לַאכְט פוּן אַ צְוֵוייטְן אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט חָשׁוּב וֶוען מֶען שְׁפֶּעט פוּן אַ צְוֵוייטְן, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כו, יח): "**כְּמִתְלַהְלֵהַּ הַיֹּרֶה זִקִּים חִצִּים וָמָוֶת**", אַזוֹי ווִי אֵיינֶער שִׁיסְט פַּיילְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן יֶענֶעם צוּ הַרְגֶ'נֶען, "**כֵּן אִישׁ רִמָּה אֶת רֵעֵהוּ וְאָמַר הֲלֹא מְשַׂחֵק אָנִי**", אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דֶער וָואס שְׁפֶּעט פוּן זַיין חַבֵר אוּן וֶוען דֶער חַבֶר זֶעט אַז יֶענֶער מַאכְט חוֹזֶק פוּן אִים, זָאגְט עֶר אִים "**הֲלֹא מְשַׂחֵק אָנִי**", אִיךְ מֵיין דָאס נִישְׁט עֶרְנְסְט, אִיךְ מַאךְ נָאר אַ ווִיץ... אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז יֶענֶעמְס בְּלוּט פַארְגָאסְן גֶעוָוארְן.

אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַ צְוֵוייטְן אוּן אַ רֵיינֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט שֵׁיין צוּ אַ צְוֵוייטְן אוּן פִירְט זִיךְ שֵׁיין צוּ אַ צְוֵוייטְן; וָואס דוּ הָאסְט נִישְׁט לִיבּ מֶען זָאל טוּן פַאר דִיר זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן פַאר דַיין חַבֶר - זֶה כְּלַל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה (יְרוּשַׁלְמִי נְדָרִים ט, ד; שַׁבָּת לא.); **אִין שְׁטוּבּ רֶעדְט מֶען שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן אַזוֹי אוֹיךְ צוּ חֲבֵרִים**; מֶען גֶעבְּט יֶעדְן אֵיינֶעם אַ גוּט וָוארְט.

שְׁטַארְק דִיךְ, אוּן גֶעדֶענְק אַז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלֶעס מֶעגְלִיךְ, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער תַּם פְלֶעגְט זָאגְן (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט): "**בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלֶעס שַׁיָּיךְ**".

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

---

# חידות
## אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט געזאגט: די וועלט וועט זיך וואונדערן אויף די.**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. גרויסע קדושה פון אייך
ב. יראת שמים פון אייך
ג. גרויסע ליבשאפט צווישן אייך
ד. שמחה פון אייך

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

**שאלה:** דער הייליגער רבי זאגט: ווער עס איז מקנא א צווייטן

**ענטפער:** **ווערן זיינע ביינער פארפוילט**

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**חי' צירל פורסט תחי' - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

---

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין קרית ברסלב ליבערטי

**ישראל חיים ברוין הי"ו וזוגתו שרה אסתר תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און קענען אויפציען די קינדער אויפן הייליגן רבי'ס וועג.

---

## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**יקותיאל פעלדמאן הי"ו וזוגתו מרים תחי'**
**צו די פדיון הבן פון הילד נחמן נתן נ"י למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

---




**B&H DRYGOODS**

קאפלעך, ציצית, העמעדער,
הויזן, זאקן און אזוי ווייטער.
רופט
משפחת ברוך יאקאבאוויטש
845-320-3332



# א מעשה
## פון א צדיק

### מעשה פון אנשי שלומינו אין אומאן

אִין שְׁטָאט אוּמַאן [דָארְט וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לִיגְט], פְּלֶעגְט זַיין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט מִיט אַסַאךְ בָּתֵּי מִדְרָשִׁים פוּן אַלֶע חַסִידוּת'עֶר, אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אֵיין גְרוֹיסֶע בֵּית הַמִדְרָשׁ פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט נִישְׁט דַוְקָא פַאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער חֲסִידוּת נָאר אַ שְׁטָאטְ'ס שׁוּל. אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען גֶעוֶוען אַסַאךְ רַבָּנִים וָואס הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט אִין אוּמַאן אוּן הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע בָּתֵּי מִדְרָשִׁים. צְווִישְׁן דִי רַבָּנִים אִיז גֶעוֶוען אֵיין רָב מִיט זַיין רֶעבִּיצִין, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען לֵיידֶער נִישְׁט עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף קַיין כַּשְׁרוּת אוּן קוֹים גֶעהִיטְן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, אָבֶער זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים. דֶער רָב הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט זַיין אֵייגְן שׁוּל אִין צֶענְטֶער פוּן שְׁטָאט. זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אֵיין אֵיינְצִיג טָאכְטֶער וָואס אִיז לֵיידֶער אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁקֵייט, זִי אִיז אַזוֹי טִיף גֶעפַאלְן אַז זִי פְלֶעגְט נִישְׁט הִיטְן קַיין שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זִי פְלֶעגְט זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט גוֹיִים, אוּן גֵיין אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע פְּלֶעצֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן.

צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר 'יְהוּדָה', מֶען פְלֶעגְט אִים רוּפְן 'יוּדָא'לֶע', עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר, אַן אֱמֶת'עֶר עוֹבֵד הַשֵּׁם, עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת, גֵיין אִין מִקְוֶה, נאכדער פְלֶעגְט עֶר גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן זִיצְן דָארְט פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. יֶעדֶער הָאט זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט ווִיאַזוֹי קֶען אַ יוּנְג בָּחוּר זִיצְן אוּן וֵויינֶען אוּן וֵויינֶען אַזוֹי לַאנְג, פוּן וואוּ נֶעמְט עֶר דִי כֹּחוֹת פַאר דֶעם?

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אוּמַאן זֶענֶען גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיסֶע אָרִימֶעלַייט, זֵיי הָאבְּן מַמָשׁ נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן, אוּן פוּן וואוּ צוּ פִּיטֶערְן דִי הוּנְגֶערִיגֶע קִינְדֶער, פְלֶעגְן זֵיי אַרוּמְגֵיין נָאךְ גֶעלְט פוּן הוֹיז צוּ הוֹיז צוּ הָאבְּן גֶעלְט אַהֵיימְצוּבְּרֶענְגֶען צוּ קֶענֶען לֵייגְן בְּרוֹיט אוֹיפְ'ן טִישׁ אוּן שְׁפַּייזְן דִי מִשְׁפָּחָה. דֶער בָּחוּר יוּדָא'לֶע, פְלֶעגְט אוֹיךְ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, זִיךְ אַלֵיין אוֹיסְצוּהַאלְטְן צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

אֵיין טָאג אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הוֹיז פוּן דֶעם רָב וָואס הָאט קוֹים גֶעהַאלְטְן אִידִישְׁקֵייט, מֶען הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען דָארְט זֵייעֶר שֵׁיין, מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן פוּן אַלֶעם גוּטְן, פִּישׁ, פְלֵיישׁ, אוּן אַלֶע מִינֵי עֶסְן וָואס עֶר הָאט נָאךְ אִין זַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעזֶען. מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיין פָארְשְׁטֶעלְן אוּן אַזַא הוֹיז וֶועלְכֶע פְלֵיישׁ עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְטְן, וֶוער וֵוייסְט וֶועלְכֶע הֶכְשֵׁר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן... אָבֶער דֶער יוּנְגֶער יוּדָא'לֶע וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעהוּנְגֶערְט פוּן אַפָּאר טֶעג נִישְׁט עֶסְן קַיין נָארְמַאלֶע עֶסְן, הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט בֵּייִשְׁטֵיין דֶעם גְרוֹיסְן נִסָיוֹן אוּן עֶר הָאט יָא גֶעגֶעסְן דָארְט אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז דִי עֶסְן הָאט נִישְׁט דֶעם בֶּעסְטְן הֶכְשֵׁר. אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט גֵיין צוּ דֶעם הוֹיז פוּן דֶעם נִישְׁט עֶרְלִיכְן רָב אוּן עֶסְן דָארְט.

וֶוען דִי עֶרְלִיכֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן שְׁטָאט הָאבְּן זִיךְ דֶערְווּאוּסְט דֶערְפוּן אַז עֶר גֵייט עֶסְן דָארְט פוּן מָאל צוּמָאל, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט "פַארְוָואס גֵייסְטוּ אַהִין? דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט עֶרְלִיךְ אוּן דִי עֶסְן אִיז נִישְׁט כָּשֵׁר? גֵיי נִישְׁט דָארְט, זֵיי גֵייעֶן דִיךְ אָפְּקִילְן פוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן קְלוּגֶער אוּן יָא גֶעגַאנְגֶען, אַזוֹי אִיז עֶס אָנְגֶעגַאנְגֶען פַאר אַ שְׁטִיק צַייט. בִּיז יוּדָא'לֶע אִיז נֶעבֶּעךְ אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁקֵייט אוּן נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט דֶעם רָבְ'ס אָפְּגֶעפָארֶענֶע טָאכְטֶער, עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער צוּ סַאךְ צַייט נָאכְדֶעם אוּן עֶר הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען רֶעדְן קֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן בִּיז עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁקֵייט... ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט פַארְצֵיילְן, אַז עֶר הָאט נָאךְ גֶעקֶענְט דֶעם יוּדָא'לֶע פוּן וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען עֶרְלִיךְ, וֶוען עֶר פְלֶעגְט נָאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל זַיין אַ צַדִיק. אוּן ר' לֵוִי יִצְחָק הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט גֵיין רֶעדְן צוּ אִים אוּן פְּרוּבִּירְן אִים צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ יוּדָא'לֶעְ'ס הוֹיז זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אִים, אֶפְשָׁר דָאךְ וֶועט עֶר פּוֹעֵלְ'ן, אָבֶער וֶוען ר' לֵוִי יִצְחָק הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אִים הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁרֵייעֶן מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער אוּן רֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, נֶעבֶּעךְ, אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז ר' לֵוִי יִצְחָק הָאט גֶעמוּזְט צוּשְׁטָאפְּן זַיינֶע אוֹיעֶרְן וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן וָואס עֶר הָאט צוּ זָאגְן.

...

טייערע ליינער! וועלכע מוסר השכל האסטו ארויס גענומען פון די מעשה?

שיקט אריין צו די מערכת אויף 845-379-1161
אדער צו breslevofficeliberty@gmail.com

...

**מוסר השכל פון פאריגע וואך**

**רייזל און חי' וועבערמאן תחי': חתונה האבן איז א גוטע זאך**
**חי' צירל פורסט תחי': א) פאלגן א צדיק ב) חתונה האבן יונג**



# דעם רבי'נס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 4

פארזעצונג פון פריער:

גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּרִיק אַהֵיים קַיין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע - נָאכְן זַיין אִין קַאמִינִיץ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל פָּארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

...

אִין יֶענֶע צַייט, נִישְׁט לַאנְג נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן קַאמִינִיץ, אִיז גֶעבוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיים רֶבִּי'ן דִי פֶערְטֶע טָאכְטֶער. אָבֶער נָאךְ אֵיידֶער מְ'הָאט אִיר אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְן אִיז זִי נִפְטָר גֶעוָוארְן לֹא עָלֵינוּ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, "סְ'וֶועט נָאךְ אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף מִיר פִילֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, בְּלוֹיז צוּלִיבּ אֵיין תְּנוּעָה וָואס הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט בַּיי מִיר פַאר אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין קַאמִינִיץ, אוּן נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ בִּין דָארְט גֶעוֶוען".

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "וֶוער סְ'וֵוייסְט פַארְוָואס אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוֶוען קוֹדֶם אִין דִי הֶענְט פוּן כְּנַעַן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאבּ דִי אִידְן עֶס בַּאקוּמֶען, דֶער וֵוייסְט אוֹיךְ פַארְוָואס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען קוֹדֶם אִין קַאמִינִיץ, אוּן נָאכְדֶעם פָאר אִיךְ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל".

עֶרֶב פֶּסַח אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן מִקְוֶה אוּן גֶעזָאגְט פַאר דֶעם וָואס אִיז מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים אַז דָאס יָאר וֶועט עֶר זִיכֶער זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. [דֶער רֶבִּי אִיז דַאן אַלְט גֶעוֶוען זֶעקְס אוּן צְוָואנְצִיג יָאר].

יֶענֶעם פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִים ע"ז, כ') "וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים וְעִקְבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ", עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן אָנְהוֹיבּ פָּסוּק אוֹיפְ'ן סוֹף, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט תּוֹרָה מִיטְ'ן פַארְעֶנְטְפֶערְן דִי קַשְׁיָא, אוּן פוּן דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט דַאן גֶעזָאגְט הָאט שׁוֹין יֶעדֶער פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט זִיכֶער פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אִין לוֹיף פוּנֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי קְלָאר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל עֶר וִויל מְקַיֵּים זַיין דָארְט אַלֶע תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, עֶר וֶועט צוּזַאמֶנְעֶמֶען אַלֶע מִצְוֹת וָואס גֵייט אָן נָאר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צוּזַאמֶען מִיט דִי מִצְוֹת פוּן חוּץ לָאָרֶץ, אוּן זֵיי אַלֶע מְקַיֵּים זַיין צוּזַאמֶען בְּרוּחֲנִיוּת, אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹת גֶעהֶערִיג בְּגַשְׁמִיוּת.

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל פָּארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ מַשִּׂיג זַיין חָכְמָה עִלָּאָה. וַוייל סְ'אִיז דָא חָכְמָה עִלָּאָה אוּן חָכְמָה תַּתָּאָה, אוּן חָכְמָה תַּתָּאָה הָאט עֶר שׁוֹין, עֶר דַארְף נָאר נָאךְ מַשִּׂיג זַיין דִי חָכְמָה עִלָּאָה, אוּן דֶערְפַאר פָארְט עֶר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַ טַעַם פַארְוָואס עֶר פָארְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל וֶוען עֶר פְלֶעגְט עֶפֶּעס דַארְפְן פוּן זַיין זֵיידֶע, רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ"ל, וָואס לִיגְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פְלֶעגְט עֶר שִׁיקְן צוּ אִים דֶעם צַדִּיק רֶבִּי יְשַׁעְיָה זַ"ל וָואס לִיגְט אִין סַאמִילֶע. יֶעצְט אִיז אָבֶער זַיין זֵיידֶע רֶבִּי נַחְמָן זַ"ל שׁוֹין אַרוֹיף אוֹיף גָאר אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ, אוּן עֶר קֶען מֶער נִישְׁט שִׁיקְן צוּ אִים רֶבִּי יְשַׁעְיָה זַ"ל, דֶערְפַאר פָארְט עֶר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כְּדֵי צוּ רֶעדְן מִיט זַיין זֵיידֶע רֶבִּי נַחְמָן זַ"ל, אוּן אוֹיךְ אָפְּשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אַ וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר זָאל קֶענֶען וִויסְן פוּן אִים שְׁטֶענְדִיג, צוּ בַּאקוּמֶען פוּן אִים אַלֶעמָאל וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן פוּן אִים.

לוֹיט וִוי מְ'הָאט גֶעהֶערְט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעהַאט אַסַאךְ טַעֲמִים אוֹיף זַיין נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוֹיסֶער דִי בַּאהַאלְטֶענֶע זַאכְן אִיבֶּער דֶעם וָואס עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט.

וַוייל יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט נָאר גֶעטוּן, הָאט עֶר עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטוּן בְּלוֹיז צוּלִיבּ אֵיין טַעַם. יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן אִיז גֶעלִיגְן אוּנְטֶער דֶעם צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער הוֹיכֶע אוּן טִיפֶע טַעֲמִים אוּן עִנְיָנִים. סְפֶּעצִיעֶל דִי נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ מַמָּשׁ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה

# בילדער
## אפטיילונג







הושענה רבה תשפ״ב ביים ראש ישיבה שליט״א






פרייליכע טענץ ביי דעם יארצייט פון הייליגן רבי׳ן - דאנערשטאג חול המועד אין שטעטל





יארצייט פון הייליגן רבי׳ן דאנערשטאג חול המועד - אין היכל הקודש ברסלב ירושלים